# תוכן השיחות בעת ניחום אבלים אצל רבינו שליט"א
# על פטירת אחיו כ"ק הגה"צ אב"ד תולדות אהרן זצ"ל
# יום ב' פרשת שלח תשע"ח לפ"ק - לפני הצהרים

## בענין כיבוד אב ואם

**א' מהמנחמים:** עס גייט אן הידור (מפני זקן ותלמיד חכם) בבית האבל?

**גאב"ד סערדאהעלי:** ביי די מנחמים גייט זיכער אן הידור, נאר ביים אבל נישט. ווייל עס הייסט נישט קיין ריכטיגע הידור (עיין **בשו"ת שבות יעקב** ח"א סימן כ"ו).

**רבינו:** עס איז אויך נישט א איסור, עס איז נאר נישט קיין חיוב (עיין **בשו"ע** סימן שע"ו סעיף א', **ובלבוש** שם).

**גאב"ד סערדאהעלי:** עס איז היינט כמעט בטל געווארן די מצוה, זיך אויפצושטעלן פאר א תלמיד חכם, אדער א אלטן יוד, פאר טאטע און מאמע.

**א' מהמנחמים:** ביי א בית האבל זעהט מען נישט היינט אז מען שטעלט זיך אויף (המנחמים). מען מיינט אז עס איז א מדת חסידות.

**גאב"ד סערדאהעלי:** ביי אסאך טאטעס איז עס בשיטה אזוי, מען טאר נישט אזוי מכביד זיין אויפן קינד, ער איז א גוטער חבר מיטן זוהן, א גוטער פריינד. און סוף כל סוף שטויסט דער קינד צוריק, ער וויל נישט זיין גוטע פריינטשאפט, איך קען זיך א עצה געבן אליין.

**הרה"ג רבי מנחם מענדל שטיין שליט"א אב"ד סאווראן:** מיין זיידע דער **פאלטישאנער רב זצ"ל** האט געהאט איין מחותן וואס האט נישט געוואוינט דאהי, און איינמאל איז ער געקומען צו פארן, איז ער ארויסגעפארן צום עיר־פארט אים אפצוווארטן. און ער זעהט אז קיינער פון דעם מחותן'ס קינדער זענען נישט דארט. האט ער אים געפרעגט, פארוואס די קינדער זענען נישט דא. האט ער געזאגט, מיינע קינדער זאל איך מטריח זיין? ער האט אויסגערעכנט וואס אלע טוען, און ער האט זיי אפילו נישט געוואלט זאגען ווען ער קומט. האט ער אים געזאגט, איר מיינט אז איר טוט זיי א טובה, די תורה האט זיי געגעבן א ברכה למען יאריכון ימיך, ווען איר זאגט זיי אז זיי זאלן נישט קומען, נעמט איר צו פון זיי א מצוה, און איר נעמט צו זייער אריכת ימים.

**גאב"ד סערדאהעלי:** היינט איז עס בשיטה אז מען דארף זיך נישט אויפשטעלן פאר די מאמע. וואס בין איך דען. מען רייסט אויס ...

**א' המנחמים:** עס שטייט דאך אין פסוק (ויקרא יט-לב) ויראת מאלקיך, עס ברענגט יראת שמים (במדב"ר טו-יז), וועגן דעם פארלייגט זיך דער יצר הרע אזוי אויף דעם (עיין **שמן ראש** חלק ראשון השלם ויקרא דף תקס"ג בארוכה).

**גאב"ד סערדאהעלי:** דער אמת איז, אז אין שלחן ערוך שטייט, אז טאמער דער טאטע הייסט אז מען זאל נישט האלטן קיין אבלות י"ב חודש, דארף מען נישט האלטן, שבעה און שלשים קען ער נישט הייסען (עיין בשו"ע סימן שד"מ סעיף י' ובש"ך סק"ט שם). עס וועט נאך זיין א צייט וואס מען וועט איינפירן אזוי, אז מען זאל הייסען פאר די קינדער אז מען דארף נישט האלטן קיין אבלות. וואס ברויך מען מצער זיין די קינדער, עס איז גאר א שאלה אין בין אדם לחבירו, זיי קענען נישט גיין אויף חתונות, ווען מען קען ווען הייסען אז מען זאל נישט זיצען קיין שבעה, וואלט ער דאס אויך געהייסען, עס איז זייער א פיינע וועלט היינט... עס איז לא רחוק...

**א' מהמנחמים:** פאר א טאטן זאגט מען 'דו'?

**רבינו:** אזוי שטייט אין **חתם סופר** (**בתורת משה** פ' תולדות קה:) אויף יקום אבי[א].

---

[א] וזה לשונו: **הגאון החסיד מוה"ר נתן אדלער זצ"ל** אמר, יעקב דיבר בלשון נוכח, קום נא, כדרך שבני אדם מדברים אל אבותיהם מאז. אבל עשו היה מדבר עם אביו בלשון נסתר, יקום אבי, כדרך שהנכרים מדברים. **ומרן החתם סופר** הסביר, דלשון נוכח מורה קרבות ודיבוק, כמו שאנו מדברים אל השי"ת שאנו דבוקים בו, כמו שנאמר (דברים ד-ד) ואתם

**גאב"ד סערדאהעלי:** עס איז געווען פלעצער וואו מען האט גערופן דעם טאטע מיטן נאמען 'טאטע'. אלו ואלו דברי אלקים חיים.

**אב"ד סאווראן:** מיין עלטער זיידע דער **פאלטישאנער רבי זצ"ל** איז נישט אויפגעוואקסען ביי זיין טאטען (**הרה"ק רבי שלמה מסקווירא זצ"ל**), ער איז אויפגעוואקסען אין בעלזא, האט מען אים איינמאל געפרעגט וועלכע מנהגים ער פירט זיך, האט ער געזאגט, אז ער פירט זיך אלעס על פי מנהג בעלזא, איין זאך וואס ער געדענקט פון זיין טאטע, די נוסח פון קידוש, דאס זאג ער אזוי ווי זיין טאטע. ער האט נישט ממש געזאגט אלץ כיבוד אב, אבער דאס געדענק איך פון מיין טאטן, זאג איך עס מיט זיין נוסח. די טלית און תפילין האט ער אויך אנגעטון פאר הודו, על פי נוסח סקווירא. און ער האט אויך געזאגט ויקרב 'קץ' משיחיה.

דער טאטע האט נישט געוואוסט אז זיין טאטע איז אוועק, זיין טאטע איז אומגעקומען אין די פאגראמען אין קיעוו, עס איז דעמאלטס אוועק פון **רבי דוד'ל סקווירא'ס** משפחה אכציג מיוצאי חלציו, און ער האט געזעהן זיין טאטן אין חלום, און ער האט אים געזאגט, אז עס מעג שוין זיין קץ משיחיה. האט ער זיך געכאפט, און ער האט מורא געהאט צו זאגן, אין בעלזא ספעציעל האט ער מורא געהאט צו זאגן 'קץ'. האט דער **בעלזער רב** געזאגט, אז מען זאל אים מאכן אינדערזייט א מנין, און דארט האט ער געזאגט קץ משיחיה.

**גאב"ד סערדאהעלי:** אין פשטות טרעפט מען נישט אזא זאך, אז דער נוסח אדער ניגון פונעם טאטן אז דאס איז א ענין פון כיבוד אב.

**רבינו:** מילתא אלבישייהו יקירא (שבת י:).

**גאב"ד סערדאהעלי:** מען געפונט אויך הואיל ונפק מפומיה דרב כהנא (סוכה לב:). מען זעהט טאקע אז עס זענען געווען צדיקים וואס האבן מהדר געווען צו זינגען די ניגונים מבית אבותם. עס ברענגט צו א שטיקל התעוררות.

**א' מהנוכחים:** אפשר האבן זיי נישט געקענט עפעס אנדערש?

**אב"ד סאווראן:** דער **סאטמארער רב** פלעגט אסאך מאל צו זאגן, אז ביים **קדושת יום טוב** איז געווען אמאל איינער וואס איז געקומען מזכיר זיין א שוועסטער, און עס איז געווען א יומא דפגרא, ל"ג בעומר, און ער האט געבעטן יענער זאל זינגען בר יוחאי מיט דעם ניגון וואס זיינע עלטערן האט געזינגען אין סיגוט. און נאכן זינגען דעם ניגון האט ער אים אנגעוואונטשען אז זי זאל האבן א רפואה שלימה.

---

**בענין הספר נחלי בינה**

---

**הרה"ג רבי חיים מאיר קאהן שליט"א** (בן כ"ק **האדמו"ר מתוא"י שליט"א**): ער האט ארויסגעגעבן די ספרים **נחלי בינה** אויף די ימים טובים. דער זיידע (**האדמו"ר מתולדות אהרן**) זצ"ל פלעגט הייסען די בחורים לערנען **נחלי בינה**, צו מאכן א הכנה אויף יום טוב. ער האט עס געהייסן אריינדרוקן אין די מחזורים (הוצאת בלום). עס איז דא אסאך חסידישע ספרים, און מען דארף וויסן וואס ארויסצוקלויבן, מען דארף זיין א מומחה דערצו.

**גאב"ד סערדאהעלי:** דער **קלויזענבורגער רבי** פון בארא פארק האט מיר געזאגט, אז ווען ער דאווענט פארן עמוד אין די הייליגע טעג, און מען דארף אסאך מאל ווארטען אויפן ציבור, די קאפעליע זינגט, און עס נעמט צייט, האט ער ביי זיך א **נחלי בינה**, ובין גברא לגברא קוקט ער אריין דערין.

**הרה"ג רבי מיכל ניימאן:** דער שווער, דער **תולדות אהרן רבי**, האט אים זייער ליב געהאט. ער האט חתונה געהאט נאך די זעקס טאגעדיגע מלחמה, און מען האט געפרעגט דעם **סאטמארער רב**, צו ער קען גיין וואוינען קיין ארץ ישראל, האט דער **סאטמארער רב** געזאגט, אהין האב איך נישט געמיינט.

**רבינו: מיין טאטע ז"ל** האט פארציילט, אז ווען ער איז געגאנגען טון דעם שידוך, האט ער עס איבערגעשמועסט מיטן **סאטמארער רב** קודם. און מיין טאטע איז געפארן קיין ארץ ישראל

---

הדבקים בה' אלקיכם. ועל כן ישראלים שמדובקים זה בזה כגוף אחד, ובורא מזכה אבא ומקיימו, לכך מדברים בלשון נוכח. אבל לשון נסתר היינו כאילו אינו כדאי לדבר עמו, אלא כאילו מדבר לאחר. וחז"ל (ויק"ר ד-ו) אמרו, שבעשו כתיב נפשות ביתו (בראשית לו-ו), בלשון רבים, שכל אחד יש לו אלו-ה אחר ותכלית אחר, לכך בנכרים שהם פרודים אומר יקום אבי.

מוצאי שבת וועגן דעם שידוך, און פרייטאג איז ער זיך געווען געזעגענען ביים **סאטמארער רב**, און שבת האט ער געהאט א ברית אין סאטמאר. עס איז געווען פרשת ויגש, און ער האט עולה געווען אחרון, ווי עס ענדיגט זיך וישב ישראל בארץ מצרים (בראשית מז-כז). נאכדעם וואס דער **סאטמארער רב** האט געענדיגט ליינען האט ער געזאגט פאר מיין טאטן, איר פארט דאך יעצט קיין ארץ ישראל, מען האט אייך געליינט מעניני דיומא, וישב ישראל בארץ מצרים, ישראל האט באזעצט מצרים.

## בענין סגולת מצות ציצית

**רבינו** (לאחר שעברו ילדי התלמוד תורה בוומסב"ג לנחם): די תלמוד תורה איז אקעגן איבער.

**גאב"ד סערדאהעלי:** שיינע צורה'לעך.

**רבינו:** וויליאמסבורג האט נישט היינט עפעס אנדערש.

**גאב"ד סערדאהעלי:** חסידישע צורות, איך זעה אסאך גייען מיט די ציצית אינדרויסען.

**רבינו:** דאס וואס די קינדער גייען מיט די ציצית אינדרויסן, דאס איז פון די תלמוד תורה, אדער פון זיך אליין?

**המלמד הר"ר יעקב יוסף קריינדלער:** דער רב האט אמאל גערעדט פאר די קינדער (במסיבת חנוכה דהאי שעתא) אז מען זאל גיין מיט די ציצית אינדרויסן, זייט דעמאלטס האבן רוב קינדער אנגעהויבן צו גיין מיט די ציצית אינדרויסן[ב].

**א' מהנוכחים:** די **משנה ברורה** (סימן ח' סעיף י"א) שרייבט אזוי, זיי זענען געגאנגען מיט קורצע רעקלעך, איז עס געווען זייער א אנגענומענע זאך, אבער ביי אונז איז עס כמעט נשט שייך, ווייל מען גייט מיט לאנגע רעקלעך. חינוך איז געוועגליך א זאך וואס ווען מען ווערט גרויס, איז מען דאס ממשיך.

**רבינו:** אפילו שפעטער טוט מען אסאך מאל אויס דעם רעקל.

**גאב"ד סערדאהעלי:** די קינדער גייען דאך אן רעקלעך אינגאנצן.

**רבינו:** די יראת שמים דערפון איז מען ממשיך.

## בענין תפלה לפני התיבה ואמירת קדיש

**בנו הרה"ג רבי חיים יהודא:** עס קומט אן שווער צוזאמצושטעלן מנין, מען דארף רופן דעם און יענעם, איז דא א חיוב אז יעדער אבל דארף

---

[ב] וזה תוכן הדברות קודש: עס שטייט אין די גמרא (שבת כג:) הזהיר בציצית, ווען איינער איז נזהר אין ציצית, וועט ער האבן א טלית נאה. דער אייבערשטער וועט אים באצאלען, אז ער וועט האבן שיינע בגדים. שיינע בגדים אויף דער וועלט, און א חלוקא און א טלית נאה לעולם הבא.

וואס מיינט הזהיר בציצית? דער פשוטער פשט איז, אז ער איז מקיים די מצוה פון ציצית מיט א הידור. דער אייבערשטער האט געגעבן די מצוה פון ציצית, וראיתם אותו וזכרתם את כל מצות ה' (במדבר טו-לט), מען זאל זעהן די ציצית, און מען זאל געדענקן די מצות פונעם אייבערשטען. **ווען איינער איז נזהר אין די מצוה פון ציצית, גיט ער אייביג אכט אז זיין טלית קטן זאל זיין כשר, עס זאל נישט האבן א פסול. ער גיט אכט אויף די פעדעמיר פון די ציצית אז עס זאל זיין אכט פעדעמיר אויף יעדע זייט. די ציצית זאלן נישט זיין צוזאמגעקניפט, עס זאל זיין אפגעטיילט יעדע חוט פאר זיך עקסטער.** ער גיט אכט אויף די ציצית אז די ציצית זאלן זיין הונדערט פראצענט אויסגעהאלטן, דאס הייסט הזהיר בציצית.

עס איז אבער דא נאך א זהירות אין ציצית. די סיבה פון ציצית איז, 'וראיתם אותו', אז מען זאל עס זעהן. **ווען א קינד גייט מיט די ציצית אינדרויסן, עס איז נישט ארייגעשטעקט אין די הויזן, נאר עס ליגט אינדרויסן אינדערזייט, אז ער זעהט שטענדיג די ציצית, 'וזכרתם את כל מצות ה', ברענגט עס אז מען זאל געדענקן די מצות פונעם אייבערשטען.** און אויף דעם זאגט די גמרא, הזהיר בציצית, איז ער זוכה צו א טלית נאה, צו א שיינעם טלית אויף די וועלט, און א שיינעם טלית אויף יענע וועלט.

און אז מען לערנט יעצט די גמרא אז ווער עס איז זהיר בנר, וועט האבן קינדער תלמידי חכמים, דארף מען געדענקען די צווייטע גמרא אויך, אז מיר זאלן זיין זהיר בציצית, אכט געבן אז די ציצית זאלן זיין כשר, און אויסגעהאלטן מיט א זהירות. און מקיים זיין דעם וראיתם אותו וזכרתם את כל מצות ה', **די ציצית זאלן ארויסשטיין אינדרויסן, אז ווען מען זעהט עס, ברענגט עס אז מען זאל געדענקען די מצות פונעם אייבערשטען**, און מען איז זוכה צו א טלית נאה אויף די וועלט, און א טלית נאה אין גן עדן.

דאווענען עקסטער, אדער עס איז געוונוג אז איינער זאל דאווענען.

**גאב"ד סערדאהעלי:** עס איז אזוי און אזוי. עס איז דא פלעצער וואס עס איז גאר א מעלה אז נאר איינער דאווענט, ברוב עם הדרת מלך, אבער אין רוב פלעצער האט מען יא מקפיד געווען אז יעדער אבל זאל עקסטער דאווענען. עס איז א חיוב וואס ליגט אויף אים, אלץ כיבוד אב. ווי אזוי פטר'ט ער זיך מיט דעם וואס דער אנדערער דאווענט.

על פי **שלחן ערוך** דארף א אבל אינגאנצן נישט צו דאווענען, איז ממילא קען מען גוט פארשטיין די פלעצער וואו נאר איינער דאווענט. אבער היינט איז איינגעפירט אין די גאנצע וועלט, אז אדרבה דער אבל דאווענט, ליגט אויף יעדן איינעם זיין חיוב פון כיבוד אב. פארוואס פטר'ט ער זיך מיט יענעם.

**א' מהמנחמים:** מען רעדט אבער אז מען דארף מטריח זיין מענטשן.

**גאב"ד סערדאהעלי:** אפשר איז ער זיי מזכה מיט א מצוה. היינט ווערט שוין אלעס א שאלה פון בין אדם לחבירו.

**רבינו:** אין **שלחן ערוך** (סימן שע"ו סעיף ה') שטייט, אז טאמער עס איז דא דריי זון אבלים, און נאכדעם איז דא א פרעמדער וואס איז אויך א אבל. עס איז דא צוויי נפטרים, און פיר אבלים. און מען צוטיילט די קדישים, צו מען צוטיילט האלב אויף האלב, די דריי נעמען איין חלק, און דער אנדערע נעמט איין חלק. צו די דריי נעמען דריי חלקים. שטייט אין שלחן ערוך אז די דריי נעמען דריי חלקים. און דער **בדי השלחן** ברענגט צו פונעם **מהרי"ק** (סימן ל'), אז דער טעם דערפון איז, ווייל אזוי ווי עס האט נישט צוטון מיטן נפטר, עס האט צוטון מיט כיבוד אב, זענען זיי דריי חיובים אויף כיבוד אב, קומט זיך אז מען זאל געבן פאר יעדן איינעם זיין חלק. זעהט מען אז יעדער אבל האט א עקסטערע חיוב פאר זיך צו דאווענען פארן עמוד. ער ברענגט נאך א טעם פונעם **מהרי"ל** (שכתב דזכות אביהן עומד לו שזכה לבנים הרבה). לויט דעם פאלט אוועק די סברא אז זיי זענען דריי עקסטערע חיובים. ווייל בעצם זענען זיי נאר צוויי חיובים (עיין **בשו"ת מנחת יצחק** ח"ט סימן קכ"ב).

**גאב"ד סערדאהעלי:** אין הלכות הספד (סימן שד"מ סעיף ו') שטייט, אז דער וואס האט נישט קיין מעשים, זאל מען אים מספיד זיין במעשה אבותיו. דאס איז אויך א הספד, אז ער האט געהאט א טאטע און א זיידע. זעהט מען אז עס מאכט אים בעסער [לויטן **של"ה הק'** (פ' בחוקותי על הפסוק (ויקרא כו-מב) וזכרתי את בריתי יעקב וכו') מאכט עס ערגער]. עס שטייט אויך אז טאמער א כלה איז ל"ע נפטר געווארן זאל מען איר מספיד זיין מיט די מעשים פון איר חתן. אז זי האט געהאט אזא חתן, און ער האט איר אויסגעוועלט, איז דער טייטש אז זי איז אויך עפעס. דאס הייסט, אז זייטיגע מעלות הייסט אויך א מעלה.

**רבינו:** ווענדט זיך וואס דער טעם פון הספד איז. צו יקרא דחיי צו יקרא דשכבי (סנהדרין מו:). אויב הספד איז צו דערמאנען די שבחים ארויסצוברענגען די זכותים פונעם מענטש, איז דאך אשתו כגופו.

**א' מהנוכחים:** לויט דעם קען מען אים אויך מספיד זיין אז ער האט גוטע קינדער.

**רבינו:** דאס איז נאך בעסער, ווייל דאס האט ער אליין געטון, ער האט זיי מחנך געווען.

**א' מהנוכחים:** עס איז דאביידע, עס איז יקרא דחיי און יקרא דמותא.

**רבינו:** עס איז דא נאך א פלא, מען זאגט אלץ קדיש פאר די עלטערן. אויב דאס זאגן קדיש האט א חשיבות, האט עס דאך א חשיבות פאר זיך אליין אויך. אז מען זאגט קדיש, און מען איז מקדש דעם אייבערשטענס נאמען, נוצט עס פאר זיינע אבות, נוצט עס דאך פאר אים אליין אויך. די הלכה איז, אז א יארצייט קומט פריער פון א אבל לגבי די קדישים. איינע פון די טעמים ברענגט צו דער **כנסת יחזקאל** (סימן מ"ד), ווייל א תענית אין טאג פון די יארצייט, איז דא צוויי דיעות, צו דאס איז אלץ כפרה לאבותיו, אדער עס איז פאר זיך, ווייל עס איז ריע מזליה. זאגט דער **כנסת יחזקאל**, אז דער קדיש וואס מען זאגט אין טאג פון א יארצייט, איז אויך תלוי אין דעם, אז די וואס זאגן אז עס איז ריע מזליה, זאגט ער דעם קדיש פאר זיך, ווען דעם האט די קדיש פון א יארצייט מער חשיבות פון די קדיש פון די אבלים.

## זכרונות מימי קדם בישיבת צעהלים

**א' מהנחמים:** דער טאטע (הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל) האט געזאגט, מיינע קינדער האבן מיר אלע איבערגעוואקסן.

**גאב"ד סערדאהעלי:** מיט איין זאך האט מען אים איבערגעוואקסן, אז ער איז געבוירן געווארן אין אייראפע אינדערהיים, ווי די ישיבות זענען נאך געווען כתיקונם, און אלע יודען זענען געווען אזוי. און די זענען מגודל געווארן אין אזא מין אויר דאהי, און מען האלט זיך נאך יודיש, מיט די איין זאך קען מען זאגן אז מען האט איבער געוואקסן. עפעס אנדערש איז זייער שווער צו זאגן.

**הר"ר בצלאל קאהאן** (מנכ"ל ישיבת צעהלים)**:** דער **סערדאהעלער רב** האט געלערנט ביי אונז אין צעהלים אין די ישיבה. און דער **וויענער רב** איז נאר געקומען אין קעמפ.

**רבינו:** די קעמפ איז געווען אין ליווינגסטאן מענאר.

**הר"ר בצלאל קאהאן:** דער מנהל הרב יוסף דוב הכהן ליעבערמאן ז"ל האט געזאגט, אז אלע תלמידים דארפן גיין אין ענגליש, אבער דער חיים לייב דארף נישט גיין אין ענגליש. ווייל דער חיים לייב איז אזא מתמיד, ער מוז נישט גיין אויף ענגליש. מען האט געמאכט מיט אים א אויסנאם, ער האט נישט געמוזט גיין אויף ענגליש.

**גאב"ד סערדאהעלי:** איך האב נאכגעזאגט פון אים א דבר תורה מיט א צווי דריי וואכן צוריק.

**הר"ר בצלאל קאהאן:** ער איז געווען זייער א פונקטליכער מענטש. ער פלעגט זאגן, ווען א מלמד קומט פינף מינוט שפעט, הייסט נישט אז ער איז געקומען פינף מינוט שפעט, נאר וויפיל תלמידים ער האט, פינף מאל פינף און צוואנציג, אזויפיל מינוט שפעט איז ער געקומען. ער איז געשטאנען מיט די זייגער, פונקטליך אויף די מינוט.

איך געדענק נאך, ווען די רעבעצין איז געקומען איינשרייבן די קינדער אין קעמפ. זיי זענען געווען אין האטעל אשל.

**רבינו:** מיין טאטע פלעגט צו זיין אין האטעל אשל, ביי דעם רבי משה יוסף וויינבערגער ז"ל, און מען האט אים געזאגט, אז די האטעל הייסט אש"ל, א'כילה ש'תיה ל'ינה, און דו גיבסט נישט צו עסן, און נישט צו טרינקען, פארוואס האסטו א נאמען געגעבן אשל. האט ער געזאגט, איך האב א אנדערע ראשי תיבות דערויף, א'ויר ש'מש ל'בנה, און פון דעם גיב איך בריוח.

**הר"ר בצלאל קאהאן:** די ישיבה (צעהלים) האט ארויסגעגעבן שיינע תלמידים, דער **סקווירא רבי שליט"א** האט געלערנט ביי אונז אין תלמוד תורה ביז צו די בר מצוה. ווען ער איז געווארן בר מצוה האט אים רבי עמרם שטראסער ע"ה וואס איז געווען זיין מלמד, אהיימגענומען צו זיך, און ער האט יעדן טאג געלערנט מיט אים.

**גאב"ד סערדאהעלי:** ער האט אויך גענומען רבי יאשע בעלזער ז"ל זאל לערנען מיט אים.

**הר"ר בצלאל קאהאן:** דער **צעהלימער רב זצ"ל** איז געווען מוהל ביי די אלע קינדער, ביי צוויי קינדער פונעם **ברך משה** איז ער אויך געווען מוהל.

**הרב יצחק פריעדמאן:** איך האב אמאל געהערט פונעם **צעהלימער רב זצ"ל**, אז ער איז אמאל געווען אויף א פראבע דרשה אין א שטאט, און פאר קריאת התורה האט ער געפילט עפעס א חולשה, און ער האט מהרהר געווען צו ער זאל עפעס טועם זיין, האט ער געעפנט א חומש, און עס האט זיך אויפגעמישט אין פרשת קדושים (ויקרא יט-טז), לא תלך רכיל בעמך, און דער תרגום זאגט, לא תיכול קורצין, דו זאלסט נישט עסן קוכלעך, נו, האב איך נישט געגעסן, און ב"ה די דרשה איז געלונגען.

**גאב"ד סערדאהעלי:** לא תאכלו על הדם שטייט אויך דארט אפאר פסוקים שפעטער (יט-כו, ובגמרא (ברכות י:) לא תאכלו קודם שתתפללו על דמכם), דאס איז א רמז אן דעם תרגום.

**הר"ר בצלאל קאהאן:** דער **צעהלימער רב** און דער **סאטמערער רב** זכותם יגן עלינו, האבן געהאט דעם זעלבן מוהל, און דעם זעלבן סנדק. דער סנדק איז געווען דער **קדושת יום טוב**, און דער מוהל איז געווען דער **ערוגת הבושם**.

## בענין אופן אמירת דברי תורה ודרשות ואודות הגה"ק משאמלויא זצ"ל

**רבינו:** די אלע דרשות וואס איז דא אויף א טעיפ, דארף מען זעהן אראפצושרייבן. די אלע ווערטער וואס ער האט נישט אראפגעשריבן,

נאר ער האט עס געזאגט בשעת די דרשה, דארף מען זעהן עס אריינצופילען.

**בנו אב"ד תולדות אהרן וומסב"ג:** אפילו ווען מען הערט עס אויפן טעיפ, איז עס אויך נישט אזוי ווי בשעת ער האט עס געזאגט. ווי אזוי ער האט אויסגעזעהן בשעת'ן רעדן, ווי אזוי ער האט געפלאמט און געלעבט אין דעם ענין וואס מען האט גערעדט, דאס זעהט מען נישט אויפן טעיפ.

**רבינו: מיין טאטע ז"ל** פלעגט נאכזאגן פונעם **סקאליע רבי זצ"ל**, אז דער **סקאליע רבי** האט פארציילט, אויף **רבי יעקב יוסף מאוסטראה זצ"ל**, א אייניקל פון דעם **רב ייבי**, וואס ער איז געווען א גרויסער מגיד, און א תלמיד האט ארויסגעשריבן זיינע דרשות, ער האט נישט אליין געשריבן פאר זיך, און מען האט אים אריינגעברענגט א גאנצע העפט מיט זיינע דרשות, און ער האט עס אזוי אדורכגעבלעטערט. און ער האט זיך גארנישט אנגערופן דערויף. האט ער געפרעגט דעם רבי'ן, דער רבי איז נישט צופרידן ווי אזוי עס איז ארויסגעשריבן. זאגט ער אים, דו האסט אמאל געזעהן ווי אזוי איינער האקט האלץ? זאגט ער, יא. פרעגט ער אים ווייטער, האסט געזעהן אמאל א בילד ווי אזוי איינער האקט האלץ? זאגט ער, יא. וואס איז די חילוק פון די צוויי? זאגט ער, ער ווייסט נישט, עס איז די זעלבע זאך. זאגט ער אים, ווען ער האקט די האלץ, ביי א יעדן האק זאגט ער, אוי. און דאס איז נישט דא אויפן בילד. - האט ער געזאגט, וואס עס איז דא צווישן די ווערטער, דער קרעכצט, דאס איז נישט ארויסגעשריבן (עיין **בשמן ראש** לימים נוראים ח"א דף קנ"ז).

**הרב שמעון עהרענרייך:** דער טאטע (הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל) ברענגט אין די הקדמה פונעם **דרשות לחם שלמה** (אות ס"ב), אז דער **פאפא'ער רב זצ"ל** האט געזאגט אויפן **שאמלויא'ער רב זצ"ל**, אז דער **בעלזער רב, רבי ישכר דוב זי"ע**, האט אמאל געזאגט, אז וואס מיין טאטע האט געזאגט דאס קען איך איבערזאגן, אבער ווי אזוי ער האט עס געזאגט, דאס קען איך נישט נאכזאגן. האט דער **פאפא רב** געזאגט, אז די דרשות וואס דער **שאמלויא'ער רב** האט געזאגט דאס קען מען דריקען, אבער ווי אזוי ער האט עס געזאגט דאס קען מען נישט איבערגעבן.

**הרה"ג רבי יחזקאל הורוויץ שליט"א אב"ד שטראסבורג:** מיין טאטע (גאב"ד שטראסבורג) זצ"ל האט געהאט הורמנא פונעם **שאמלויא'ער רב**. עס איז אינטערעסאנט די אופן ווי אזוי ער האט עס באקומען. דער **סאטמארער רב** זצ"ל איז געווען אין שאמלויא אויף א שבת, און דער טאטע איז אהין געפארן אויף שבת, איז ער אריינגעגאנגען בעטן אז ער זאל אים פארהערן. האט ער אים געזאגט, דו זאלסט אהיימפארן, און דו זאלסט מיר שרייבן עפעס א ענין אין ד' חלקי שלחן ערוך, און אויף די פאסט וועט ער אים צוריקשיקן א הורמנא, יורה יורה ידין ידין.

**רבינו:** ער האט אים בכלל נישט פארהערט?

**גאב"ד סערדאהעלי:** דער **שאמלויא'ער רב** האט זיכער גערעדט מיט אים אסאך מאל אין לערנען, ער האט געוואוסט פון וועם עס האנדלט זיך. עס איז נישט געווען נאר אויף דעם חידוש וואס ער האט אים געשריבן (וע"ע **בשו"ת קנין תורה** ח"א סימן קי"ז אות ד').

**אב"ד שטראסבורג:** זיין זיידע דער **פתחא זוטא** האט אים אלץ געשטופט אז ער זאל גיין צו עלטערע רבנים.

**רבינו:** עס איז דא ביי אונז אינדערהיים א קארטל פונעם **פתחא זוטא** פארן **מאקאווא זיידע זצ"ל**. ער האט אים געשריבן עפעס א הערה אויפן **פתחא זוטא**, זעהט אויס אז ער האט אים געבעטן נאכדעם א ספר, שרייבט ער אים צוריק, אז איך האב נישט פונעם **פתחא זוטא** נאר איין ספר וואס איך קוק אליין פאר מיר. עס איז אים אלעס אויסגעגאנגען.

**אב"ד שטראסבורג:** עס איז געשטאנען וועלכע ספר?

**רבינו:** אויף עירובין.

**אב"ד שטראסבורג:** מען האט עס לעצטענס איבערגעדרוקט.

---

## עבודתו של הגה"ק מתולדות אהרן זצ"ל בשבתות ומועדים

---

**הרה"ג רבי שלמה זלמן ראאב:** איך בין געווען צוזאמען מיט אים אפאר יאר (בישיבת סאטמאר

בב"פ), ער האט מיא פארציילט אסאך סיפורים. ער האט מיר אמאל געזאגט, אז אין די ערשטע יאהרן פלעגט ער אויף זיין ליל שישי, און ער האט געקענט איינדרימלען ביים טיש פרייטאג צונאכטס. האט אים דער שווער, דער **תולדות אהרן רבי זצ"ל**, געזאגט, אז עס איז אים נישט ניחא אז מען דרימעלט איין ביים טיש. איך טוה אויף ביים טיש, מער פון וואס איך טוה אויף ביים דאווענען.

**רבינו:** ער האט מיר געזאגט, אז דער שווער האט אים געזאגט, אז דער וואס קומט צו מיר צום טיש נאך קידוש, איז ער נאר צען פראצענט ביים טיש, ניינציג פראצענט ביי מיר איז פון שלום עליכם ביז נאך קידוש.

**הגרש"ז ראאב:** ווען איך בין געווען דאס ערשטע מאל אין ארץ ישראל, בין איך אנגעקומען אינמיטן שלום עליכם, און איך האב געהאט אזא התעוררות, אז איך האב אנגעפאנגען צו וויינען, אז איך האב מיך פשוט געשעמט פון די מענטשען ארום.

איך בין דארט געווען פון שבת סליחות ביז מוצאי יום כיפור. איינע פון די גדלות וואס איך האב געזעהן ביים **תולדות אהרן רבי** איז געווען, אז שלש עשרה מדות איז ער אריינגעקומען זאגן תהלים, און ער האט זיך ארפגעזעצט אויפן פלאץ, און ער האט געזאגט תהלים פון אנפאנג ביזן סוף אויפן זעלבן שאקעל, צוויי און א האלב שעה. מיין שכל אנושי האט דאס נישט געקענט פארשטיין.

---

### הוי מתלמידיו של אהרן, ועניני רפואות

---

**האדמו"ר מבאבוב:** מען האט צוזאמען געמאכט חיבורים.

**גאב"ד סערדאהעלי:** די **נחלי בינה** האבן מיר צוזאמען געשריבן.

**האדמו"ר מבאבוב:** אויף הל' שבת האט מען אויך געמאכט?

**גאב"ד סערדאהעלי:** דער ברודער, דער וויענער רב, האט געמאכט דעם ספר **אוצר השבת**.

**אב"ד תולדות אהרן ומסב"ג:** דער טאטע ז"ל איז געווען אין פלארידא צוזאמען מיטן רב אין קערעסטירער בית המדרש, ער איז שוין דעמאלטס נישט געווען אזוי געזונט, און דער רב האט אים מחזק געווען עטליכע מאל, צווישן מנחה און מעריב, ער האט שטארק הנאה געהאט.

**רבינו:** ער האט געוואוינט א שטיק צייט אויף די אכט און פערציג'סטע גאס.

**אב"ד תולדות אהרן ומסב"ג:** ער פלעגט צוגיין קיין באבוב אויף די הקפות, ער פלעגט כסדר רעדן דערפון. דער **באבוב'ער רב** פלעגט אים אייביג אויפנעמען מיט א שמייכעל.

**האדמו"ר מבאבוב:** דער טאטע ז"ל האט מקיים געווען דעם והוי מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות (אבות א-טו).

**רבינו:** ער האט אויסגעלערנט אז מען קען אויף דעם וועג אויך מקרב זיין יודען.

**האדמו"ר מבאבוב:** הוי מתלמידיו של אהרן.

**רבינו:** ער איז דאך אוועק ראש חודש אב.

**האדמו"ר מבאבוב:** תולדות אהר"ן. - אין **חרדים** (פרק ח') שטייט 'הוי' מתלמידיו של אהרן, עס וואלט געדארפט שטיין למוד מאהרן. הוי מתלמידיו של אהרן, איז א לשון 'הויה', שטענדיג.

**רבינו:** די גמרא (ברכות יג. פסחים כג.) דרשנט, בהוייתן יהו.

**גאב"ד סערדאהעלי:** דער **חרדים** זאגט דארט אויך, אז דער וואס איז א אוהב שלום ורודף שלום וועט זוכה זיין אריינצוקומען אין די ישיבה פון אהרן.

**האדמו"ר מבאבוב:** במתיבתא דרחימותא.

**הרה"ג רבי חיים יהודא:** די מנורה האט געהאט זיבן קנים. עס ווערט געברענגט אין חסידישע ספרים, אז עס איז דא זיבן מיני נשמות, אקעגן די זיבן מדות, חסד גבורה תפארת וכו', אבער דער וואס האט אנגעצינדען די מנורה, דאס איז געווען אהרן. די וועג ווי אזוי מען הייבט אויף יודישע נשמות למיניהם, אפילו גבורה, די וועג ווי אזוי מען צינדט אן די אלע נשמות, איז דורך אהרן.

**הגרש"ז ראאב:** עס שטייט המנורה הטהורה, דער רבי מוז זיין טהורה, דעמאלטס האט ער א כח להדליק את הנרות.

**האדמו"ר מבאבוב:** ער איז אדורך אסאך יסורים, שוין אין די פריערדיגע יאהרן.

**רבינו:** ער האט געוואוינט קודם אין ארץ ישראל, ווען ער איז נישט געזונט געווארן, איז ער אהער געקומען וואוינען.

**האדמו"ר מבאבוב:** דארט אויף יענער וועלט איז די יסורים א מטבע וואס איז עובר לסוחר, מען ווערט אויסגעלייטערט.

מען זאגט עפעס, אז לפי ערך פון די באפעלקערונג, איז די מחלה פי כמה ביי ערליכע יודען, חרדישע יודען. אז מען ציילט אפ וויפיל עס ליידען פון יענע מחלה, איז די פראצענט פון ערליכע יודען זייער גרויס.

**רבינו:** פראצענטאעל זענען דאך יודען בכלל, אפילו נישט צוויי פראצענט פון די שטאט, און אין שפיטאל זענען זיי מער פון צוויי פראצענט. זעהט מען דאך בחוש.

**האדמו"ר מבאבוב:** עס איז דא א מורא'דיגער מדרש (פ' וישב פח-א) אז דער גאנצער ענין פון מחלות ביי די גוים איז א זאך וואס וואלט נאר געדארפט צו זיין ביי יודען, און נישט ביי אומות העולם. נאר עס וואלט אויסגעקומען אז יודען וואלטן נישט געקענט עקזיסטירן, ווייל די אומות העולם וואלטן געזאגט, רירט נישט צו צו די יודען, דאס איז א פאלק וואס זענען קראנקע, זיי זענען סחופים ודויים. האט דער אייבערשטער געמאכט אז גוים זאלן אויך נישט זיין געזונט, כדי עס זאל נישט זיין קיין חילוק. די גאנצע סיבה פון מחלות איז נאר א זאך וואס דער אייבערשטער האט געוואלט געבן פאר כלל ישראל. וויפיל געלט פון אלע שפיטעלער פון די גאנצע וועלט וואס מען גיט אויס אויף ממציא צו זיין רפואות, איז א זאך וואס איז אלץ געמאכט פאר די ביסל ערליכע יודען, וואס דער אייבערשטער האט מיט זיי א חשבון. זיי זענען אלע משמשים.

**רבינו:** אין די גמרא (יבמות מח:) שטייט, אז גרים זענען מעונין, מפני ששהו להכנס תחת כנפי השכינה. קומט אויס אז די גאנצע ענין פון יסורים איז נאר ווייל מען טוט נישט גענוג.

**הגרש"ז ראאב:** נגעים איז דאך נאר ביי ישראל.

**גאב"ד סערדאהעלי:** ביי די גוים איז דאך ומשלם לשוניו אל פניו להאבידו (דברים ז-י), האט ער נישט אויף וואס ער זאל זיי שטראפן, עס איז נישט מעלה ומוריד אז זיי טוען אזוי צו זיי טוען אזי, אבער ביי א יוד איז אלעס מיט א חשבון.

**האדמו"ר מבאבוב:** איך האב דאס געזאגט אמאל פארן טאטען ז"ל, לגבי קינדער, אויף די שטאקען ווי מען גיט זיך אפ מיט די קינדער וואס האבן יענע מחלה, איז אויסנאם הויך די פראצענט פון חרדישע קינדער. הלא דבר הוא.

**גאב"ד סערדאהעלי:** כי רק אתכם ידעתי מכל משפחות הארץ, על כן

**האדמו"ר מבאבוב:** כיון שניתן רשות למשחית אינו מבחין בין צדיקים לרשעים, ולא עוד אלא שמתחיל מן הצדיקים תחלה (בבא קמא ס.).

**רבינו:** עס ווייזט, אז מען זאל וויסען, אז מיר ווייסען גארנישט. מען קען נישט אלעס פארשטיין.

**האדמו"ר מבאבוב:** מי שאמר לעולמו די יאמר לצרותינו די, עס זאל שוין פון היינט אן זיין אלעס גוטס ביי יעדן. מען זאל זיין געזונט, און אוודאי די ערליכע יודען דארפן זיין געזונט. ער זאל זיין א גוטער בעטער פאר די קינדער, און פאר די גאנצע משפחה, און פאר גאנץ כלל ישראל. המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבילי ציון וירושלים, עס זאל שוין פון היינט אן זיין אלעס גוטס, מען זאל נישט וויסן מער פון קיין שום צער, און מען זאל קענען מבשר זיין בשורות טובות ישועות ונחמות.